אידיש

בסייעתא דשמיא




# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.

פנחס תשפ"ד •זרע שמשון - א לימוד וואס איז משפיע ישועות• גליון 374

## אמרות שמשון

### טענה און טעות פון די שבטים

***פִּינְחָס בֶּן אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי מֵעַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי בְּתוֹכָם*** (כה, יא). רש"י אויפן ארט (ד"ה פינחס) ברענגט פון חז"ל (סנהדרין פב:) אז די שבטים האבן פארשעמט פינחס און געזאגט, אז דער וואס זיין זיידע (יתרו) האט געשטאָפּט קעלבעלעך פאר עבודה זרה, איז געגאנגען און גע'הרג'עט א נשיא אין כלל ישראל. דעריבער האט די תורה אויסגערעכנט זיין חשובע'ן יחוס ביז אהרן הכהן.

**לכאורה** דארף מען פארשטיין די טענה פון די שבטים, וואס האט א שייכות די צוויי זאכן? פארוואס ווייל זיין זיידע האט געשטאָפּט קעלבעלעך, וועגן דעם קען ער נישט הרג'ענען א נשיא בישראל?

**מען** קען ערקלערן לויט ווי עס שטייט אין מדרש (במדבר רבה כ, כג), דער אויבערשטער האט באפוילן משה רבינו זאל שטעלן דיינים וואס זאלן משפט'ן די וואס האבן געדינט עבודה זרה. און ווען די שבטים האבן געזען ווי פינחס איז געגאנגען הרג'ענען 'זמרי' און 'כזבי', האבן זיי געמיינט אז ער איז אויך געשטעלט געווארן אלץ דיין צו פסק'ענען ווער עס דארף גע'הרג'עט ווערן.

**און** עס שטייט אין משנה (סנהדרין לו:) 'אין הכל כשרין לדון דיני נפשות', נישט יעדער קען זיין א דיין צו פסק'ענען 'דיני נפשות' (ווער עס זאל גע'הרג'עט ווערן). און די גמרא איז מסביר דער טעם 'כשם שבית דין מנוקין בצדק, כך מנוקין מכל מום', אזוי ווי בי"ד דארף זיין ריין מיט גערעכטיגקייט נישט צו פארדרייען א דין תורה, די זעלבע דארף בי"ד זיין ריין פון א פעלער. און רש"י (ד"ה מכל מום) איז מסביר אז דאס מיינט 'פגם משפחה' (זיין דארפן האבן א גוטע יחוס). דעריבער האבן די שבטים גע'טענה'ט, אז פינחס וואס האט א פגם אין משפחה, ווייל ער שטאמט פון יתרו, קען נישט זיין א דיין צו פסק'ענען דיני נפשות.

**אבער** דער אמת איז אז די שבטים זענען נישט גערעכט מיט זייער טענה, ווייל דאס וואס פינחס האט געטון האט גארנישט צוטון מיט דיינים. נאכמער, די דיינים וואלטן קיינמאל נישט געקענט פסק'ענען אזא הלכה. אזוי ווי עס שטייט (סנהדרין פב.) 'הבועל ארמית קנאין פוגעין בו, ואם בא לימלך אין מורין לו כן'. בית דין וועט נישט פסק'ענען אז מען דארף אים הרג'ענען אבער א קנאי מעג אים הרג'ענען, און דאס איז וואס פינחס האט געטון. (אות א' ד"ה ולכן)

### טענה אז פנחס האט דאס נישט געטאָרט טון

***פִּינְחָס בֶּן אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי מֵעַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי בְּתוֹכָם*** (כה, יא). רש"י אויפן ארט (ד"ה פינחס) ברענגט פון חז"ל (סנהדרין פב:) אז די שבטים האבן פארשעמט פינחס און געזאגט, אז דער וואס זיין זיידע (יתרו) האט געשטאָפּט קעלבעלעך פאר עבודה זרה, האט גע'הרג'עט א נשיא אין כלל ישראל.

**לכאורה** דארף מען פארשטיין די טענה פון די שבטים, אויב האבן זיי פארשטאנען אז עס קומט זיך מען זאל הרג'ענען 'זמרי', וואס א חילוק ווער עס האט אים גע'הרג'עט? לאמיר זאגן אז פנחס איז נישט קיין יחסן ווייל ער שטאמט פון יתרו, אבער וואס האט דאס מיט דעם אז ער האט גע'הרג'עט זמרי וואס איז געווען מחויב מיתה?

**מען** קען מסביר זיין, אז די שבטים האבן געמיינט אז פנחס איז געשטעלט געווארן אלס דיין צו פסק'ענען 'דיני נפשות', און א דיין קען נאר זיין עמיצער וואס האט נישט קיין פגם אין זיין יחוס (אזוי ווי אויבן ערקלערט, אינעם פריערדיגן שטיקל). דעריבער האבן זיי גע'טענה'ט, אז אפילו עס קומט זיך מען זאל הרג'ענען זמרי, קען דאס נישט גע'פסק'נט ווערן דורך פנחס וואס האט נישט קיין רעכט צו זיין א דיין, און אויב פינחס האט דאס יא געטון, איז עס נישט ריכטיג.

**אבער** די אמת איז, אז דאס וואס פנחס האט געטון איז נישט געווען א פסק פון בי"ד, נאר עס איז געקומען פון 'קנאות' אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (סנהדרין פב.) 'הבועל ארמית קנאין פוגעין בו', דעריבער האט פינחס געהאט א רעכט צו טון. (אות א' שם)

הופיע! חדש!
זרע שמשון המבואר חומש במדבר



תורמים
ורואים ישועות
אל תחמיצו
02-80-80-500
05271-66450
347-496-5657
/https://www.zerashimshon.co.il/donation
הספר שמחולל פלאות.
אלפים נושעו בהבטחתו.

הוצאת הגליון והפצתו לזכות

לעילוי נשמת



האשה החשובה מרת
פרידא פאשקעס ע"ה
בת הרה"ח ר' אשר ענזיל
גאלדשטיין ז"ל
נלב"ע י"ט תמוז תשע"ז לפ"ק ת.נ.צ.ב.ה.

לעילוי נשמת
מו"ר ועט"ר מזכה הרבים חכם
ר' מיכאל חיים כליפה
בן רחל חלו זצוק"ל
נלב"ע ליל ש"ק כ"א תמוז תשע"ז
ת.נ.צ.ב.ה.
הוקדש ע"י בנו רבי משה נימני הי"ו
להצלחה וברכה בכל הענינים

הצלחה וברכה בכל הענינים
צבי יצחק דוב בן גיטל
חיה וזוגתו מרים סאבל
בת אסתר
בנו החתן שמעון יחזקאל
עב"ג הכלה
אסתר רבקה בת יוכבד מרים
ובניו ישעיה, יואל אלעזר
שיזכו לכל הברכות של המחבר זי"ע
בקרוב ובניקל

שפע רב והצלחה
שאול בן רחל
להצלחה וברכה בכל עסקיו ושפע רב
בלי גבול ברוחניות וגשמיות

הצלחה גדולה וברכה
חיים דוד בן עטיא
וזוגתו
צביה רחל בת רבקה
שיזכו להצלחה וברכה בלא גבול ומדה
פרנסה בשפע מתוך הרחבת הדעת
וימלא ה' כל משאלות לבם לטובה

לזכות ולברכה
להצלחת השותפים
התורמים ומשפחותיהם
החפצים בעילום שמם
שיזכו לשפע ברכה והצלחה בני בריכי חיי
אריכי ומזוני רויחי נחת מכל יוצ"ח זכות
המחבר יגן בעדם אכי"ר

ישועה בקרוב
דניאל אורי
בן רג'ינה מלכה
שיזכה לעשירות שפע ברכה
והצלחה בכל העניינים

עשירות והצלחה בכל
אליאס בן אסתרייה
וזוגתו סופיה בת אסתר
שיזכו להצלחה וברכה בכל עסקיהם מתוך
מנוחת הגוף והנפש בלי שום טרדות ודאגות
וזיווגים הגונים לבנותם

זש"ק והצלחה בכל
רפאל בן סופיה
וזוגתו נטלי בת אליסיה
שיזכו להיפקד בזש"ק בקרוב הצלחה מרובה
פרנסה טובה ועשירות וברכה בכל העניינים

תרומות למען הפצת תורת זרע שמשון 02-80-80-500 * 347-496-5657 אלפים נושעו בהבטחת הזרע שמשון

## פנחס האט געצערנט די יעצטיגע צאָרן

**בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי בְּתוֹכָם** (כה, יא). רש"י (ד"ה בקנאו) זאגט אויפן ארט: 'בקצפו את הקצף שהיה לי לקצוף'. דער אויבערשטער זאגט, אז פנחס האט געצערנט די צאָרן וואס איך וואלט געדארפט צערענען. לכאורה דארף מען פארשטיין, אויב האט דער אויבערשטער געדארפט צערענען, פארוואס האט ער נישט געצערנט? און אויב האט ער נישט געצערנט, איז משמע אז מען וואלט נישט געדארפט צערענען, אויב אזוי פארוואס האט פנחס געצערנט?

**מען** קען ענטפערן, לויט ווי עס ווערט געברענגט אין חז"ל (סנהדרין פא:) עמיצער וואס טוט אן עבירה מיט א גוי'אישע פרוי 'קנאין פוגעין בו', די קנאים - וואס נעמען זיך אן פארן כבוד פונעם אויבערשטן - הרג'ענען דעם מענטש בשעת מעשה. זאגט די גמרא, אויב האט אים קיינער נישט גע'הרג'עט בשעת מעשה, ווערט ער באשטראפט מיט 'כרת', אז ער ווען פארשניטן פון די וועלט.

**אויב** אזוי, ווילאנג קיינער האט נישט פוגע געווען אין 'זמרי', וואלט ער באשטראפט געווארן מיט 'כרת', אבער דאס פאסירט נישט גלייך אויפן ארט, (אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל מועד קטן כח. אז מען שטארבט ביז די פופציג יאר אלט). דעריבער איז דאס א 'קצף' - צארן וואס דער אויבערשטער וואלט געצערנט במשך די צייט, און באשטראפט 'זמרי' מיט כרת.

**אבער** יעצט אז עס איז געווען 'קנאין פוגעין בו', פינחס האט אים גע'הרג'עט אויפן ארט, און ער האט יעצט געצערנט אויף די חילול ה', האט ער צוגעברענגט אז דער אויבערשטער וועט שוין מער נישט דארפן צערענען, און באשטראפן מיט כרת במשך די קומענדיגע יארן, אז ער זאל פארשניטן ווערן יונגערהייט פון די וועלט. (אות ב' ד"ה וא"כ)

## ברכה פון שלום כדי די גרויסקייט זאל נישט שאדן

**לָכֵן אֱמֹר הִנְנִי נֹתֵן לוֹ אֶת בְּרִיתִי שָׁלוֹם** (כה, יב). פארוואס האט דער אויבערשטער צוגעלייגט פאר פינחס די ברכה פון 'שלום' צוגאב צו דעם וואס ער האט באקומען די מתנה פון 'כהונה'?

**מען** קען ערקלערן אז פינחס האט זוכה געווען אז ער איז 'עלה לגדולה', ער איז געווארן גרויס, דורכן ווערן א כהן. און האט באקומען די מתנה פון 'זרוע לחיים והקבה', דאס זענען די חלקים פון א קרבן וואס מען דארף געבן פארן כהן, וואס דאס באקומען די כהנים אין זכות פינחס, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (חולין קלד: ועיי"ש).

**און** עס שטייט אין חז"ל (פסחים פז:) 'רבנות מקברת את בעליה', גרויסקייט באגראבט א מענטש, עס איז גורם מען זאל נפטר ווערן איידער די צייט. און אויב וואלט פינחס נפטר געווארן איידער זיין צייט, וואלט מען געקענט האבן א טעות און זאגן אז דאס איז געקומען אלס עונש צוליב וואס ער האט גע'הרג'עט זמרי, און נישט צוליב די גרויסקייט וואס ער האט באקומען.

**דעריבער** האט אים דער אויבערשטער צוגעגעבן די ברכה פון שלום, אז די גרויסקייט זאל אים נישט שאדן. און אזוי ווי עס שטייט אין מדרש (ילקוט שמעוני פרשת פנחס רמז תשע"א, פרקי דר"א פרק מ"ז ועוד) 'פנחס זה אליהו', אז ער איז קיינמאל נישט נפטר געווארן. אזוי איז ער שטענדיג פארבליבן מיט די גרויסקייט וואס ער האט באקומען אלץ שכר וואס ער האט גע'הרג'ט זמרי. (אות א' ד"ה ולפי)

## זוכה צו חיים נצחיים - מדה כנגד מדה

**לָכֵן אֱמֹר הִנְנִי נֹתֵן לוֹ אֶת בְּרִיתִי שָׁלוֹם** (כה, יב). עס שטייט אין חז"ל (פרקי דר"א פרק מ"ז ועוד) אז די שכר וואס פנחס האט באקומען - די ברכה פון 'שלום' - איז אז עס וועט נישט געוועלטיגן אויף אים דער מלאך המות, און האט זוכה געווען צו חיי עולם הזה און חיי עולם הבא.

**מען** קען ערקלערן אז דאס איז מדה כנגד מדה. ווייל ער האט גע'הרג'ט און פארשניטן די לעבן פון 'זמרי' וואס האט דערצערנט דער אויבערשטער, האט אים דער אויבערשטער באצאלט מיט א 'ברית שלום' אז ער וועט בלייבן לעבן אויף אייביג, און זוכה זיין צו חיים נצחיים. (אות ב' ד"ה וא"כ)

## שכר פון פינחס מדה כנגד מדה

**וְהָיְתָה לוֹ וּלְזַרְעוֹ אַחֲרָיו בְּרִית כְּהֻנַּת עוֹלָם** (כה, יג). די שכר וואס פינחס האט באקומען פון 'כהונה' און 'שלום' איז געווען 'מדה כנגד מדה' .

**דער** שכר פון 'כהונה' איז געקומען, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (במדבר רבה כא, ד), אז דער וואס פארגיסט בלוט פון א רשע איז כאילו ער איז מקריב א קרבן. דעריבער האט פינחס זוכה געווען אז ער איז געווארן א כהן וואס איז מקריב קרבנות.

**און** דער שכר פון 'שלום' איז געקומען, וויבאלד ער האט געברענגט שלום צווישן כלל ישראל און דער אויבערשטער, דעריבער האט ער זוכה געווען, אז לעתיד לבא וועט ער ברענגן שלום אויף די וועלט. אזוי ווי עס שטייט אין מדרש (ילקוט שמעוני, שם), אז פנחס איז אליהו הנביא, וואס וועט קומען לעתיד לבא מבשר זיין די גוטע בשורה און ברענגן שלום אויף די וועלט, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (מלאכי ג, כג - כד), **הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא לִפְנֵי בּוֹא יוֹם ה' הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא. וְהֵשִׁיב לֵב אָבוֹת עַל בָּנִים וְלֵב בָּנִים עַל אֲבוֹתָם** וגו'. (אות א' ד"ה ולפי)


חדש!!! היכל המגידים
עכשיו בקול זרע שמשון

המגיד המפורסם
רבי שלום פערל שליט"א



ארץ ישראל
02-80-80-600
ארה"ב
716-229-4808
לונדון
0333-300-2515
שלוחות: לשה"ק: 155
אידיש: 284 אנגלית: 385
העונג שלך! הישועה שלך!



ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.

צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברבר: 052-716-6450 www.zerashimshon.com

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
באר"ה: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות,
צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין
צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)
סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

וזכות הצדיק ודברי תורותו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, וישפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו